ד א ס ל ו ק ס ו ס־ב אָ ד

# „טערקן־באָד“ „BAIA TURCEASCA“

## טשערנאָוויץ, שולגאַס

איז גרינדלעך רעמאָנטירט געוואָרן און איינגעריכטעט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, לויט די מאָדערנע פאָדערונגען פון דער היגיעניע

ווײט דעם 29־טן אָקטאָבער ווידער געעפנט פאַרן חשובן פובליקום.

די אָפּטיילונג פאַר שוויץ פאַר הערן איז אָפן בײ טאָג און בײ נאַכט אַחוץ פון 12 ביז 5 נמ. פאַר דאַמען.

וואַנען־בעדער געעפנט אַ גאַנצן טאָג. באַזונדערס רעמאָנטירט. נײַע קאַלט־וואַנעס. צו דער באַקוועמלעכקייט פון די געסט איז איינגעאָרדנעט אַ היגיענישע ראַזיראָפּטײלונג, אַ שפּעציאַליזירטער הינער־אויגן־אָפּעראַטער. — ערשטקלאַסיקער בופעט און די פּונקטלעכסטע באַדינונג. — שטרענגסטע ריינקייט.

וועגן כאַזוך בעט די פאַרוואַלטונג.

דערמאָנט זאָל נאָך ווערן, אַז דער טעאַטער איז געדונגען פאַר דער גאַנצער ווינטער־צײַט, אונטער דער דירעקציע פון פּראָו. אַ ק ס ע ל ר א ד.

די דערעפנונג קומט פאַר פרײַטאָג, דעם 1־טן נאָוועמבער, מיט טאָמאַשעווסקיס באַרימטער שאַפונג ד ע ר ג א ל ד ע נ ע ר פ א ד י ם.

——

# ברייוו צו די „טש. בל.“,

## רעליגיעזע רדיפות און דער פועל יוצא.

השובע רעדאַקציע!

די ידיעות, וועלכע זענען די לעצטע צײַט געקומען פון רוסלאַנד, וועגן רדיפות אויף דער ייד. רעליגיע, דאָס פאַרוואַנדלען פון בתי־מדרשים אין קלובס, מיזן בײַ יעדן ציוויליזירטן מענטש אַרויסרופן מאָדנע געדאַנקען. מ'פרעגט זיך וויאַזוי איז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מעגלעך רעליגיעזע אומטאָלעראַנץ, פאַרפאָלגונג פון אמונה דורך פיאַנירן פון סאָציאַלער באַפרײַונג, אונטערדריקונג פון מיינונגען דורך פאַרקעמפער פון פרײַהייט און גלײַכהייט?

איז דען זיי נישט באַקאַנט, אַז מיט אומטאָלעראַנץ און רעפּרעסיעס רופט מען תמיד אַרויס דעם היפוך דערפון, וואָס מ'וויל? אַז יעדער קאַמף קעגן ייד. גאָט, אָנגעהויבן פון דער צײַט פונם העלעניזם דורך אַנטיוכס, סײַ אין דער צײַט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, סײַ שפּעטער דורכן צאַר האָט תמיד געפירט צו אַ פאַרשטאַרקן פון די אמונה־געפילן בײַ די פאַרפאָלגטע און זיי נאָך טייערער געמאַכט זייערע דינים, געבאָטן און מצות?

ווער ס'בלעטערט אין דער יידישער געשיכטע געפינט אין יעדן יאָרהונדערט גענוג בײַשפּילן דערפאַר. ס'דערמאָנט זיך יענער קלאַסישער ענטפער פון אַ פּויפּסט וועלכער האָט אויפן דער פראַגע, פאַר וואָס די יידן לעבן אייביק, געענטפערט מיט דער פאַבעל וועגן זון און ווינט, ווער ס'איז שטאַרקער פון זיי. אודאי, אַז ס'שטורעמט דער ווינט קאָן ער אָנטון בייז און גרויסע שאָדנס, ער רופט אָבער אַרויס אַ שטאַרקן אָפּוועריכה — אָבער די מילדע און ליב שיינענדיקע זונען־שטראַלן קאָן זיך קיינער נישט אַקעגנשטעלן און די זון מוז תמיד מנצח זיין דעם שטורם.

אָרדנעט מען אײַן יום־כּפּור קאָנצערטן און פאַרטערט מען די אַרבעטער צו באַזוכן די קלויזן, אַזוי שאַפט מען אַ פאַרבאָרגענע רעליגיעזע באַוועגונג, נײַע קאַטאַקאָמבעס און אונטערערדישע קעלערס ווי אין די צײַטן פון די מאַראַנען, רופט מען אַרויס בײַ אינדיפערענטע אַפילו רעליגיעזע סענטימענטן און גרייטשאַפט צו שטאַרבן אויף קידוש השם...

דער קאַמף קעגן אַבסטראַקטע כּחות, קעגן געטער מעג ער אַפילו געפירט ווערן פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן קאָן נישט האָבן קיין אַנדערן רעזולטאַט ווי אַ נצחון פון אָט אידעען, וועלכע מ'האָט געוואָלט גראָד אויסוואָרצלען.

אַנדערש אָבער וואָלט געווען דורך אויפקלערונגס־אַרבעט, פּאַמעלעך אַרײַנפירן פון די וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן אין די ברייטע מאַסן. פאַר סטאַלינס גאָט־שטורמער זענען זייער פּאַסיק קויטסקיס ווערטער: „נישט פּראָפּאַגאַנדע פון טאַטן, נאָר דאָס פּראָפּאַגירן פון אידעען זאָל זיין די הויפּט־אַרבעט — צום דענקן און פאַרשן זאָלן ערציִען ווערן די מענטשן, ווײַל דער וועג צו דער דערקענטניש איז נישט ווייניקער ווײַכטיק ווי די רעזולטאַטן און די מעטאָדן...

אין היינטיקן רוסלאַנד הערשן אָבער דאָגמעס און ס'איז נישטאָ קיין געדאַנקען־פרײַהייט, די „טשעקאַ“ דיקטירט אָן וואָס יעדער מוז גלויבן און אָן וועלכן אני מאמין. און אָט די אומטאָלעראַנץ רופט אַרויס אַ נײַע שטאַרקע באַוועגונג, וועלכע וואָלט אונטער אַ פרײַהייטלעכן רעזשים, בכלל נישט מעגלעך געווען.

שלמה וואַרטמשעק.

——

דיר. ר. אַקסלראַד.

# טאָמאַשעווסקי איז פּאַווילאָן־טעאַטער רוסישעג. 22

דערעפנונגס־פאָרשטעלונג.

פרײַטיק, 1־טן נאָוועמבער און די גאַנצע וואָך

## „דער גאָלדענער פּאָדים“

(גאָלדפאַדנס „לעבן און טויט“)

אָפּערעטע אין 3 אַקטן און אַ פּראָלאָג פון באָריס טאָמאַשעווסקי

שטאַרקער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון י. זאָהן־פּאַליאַקאָוו.

שבת און זונטאָג נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונגען מיט פאָלקספּרײַזן

פּעלץ־סעזאָן 1929—1930

אײַנאָרדונג.

# פּעלץ־אַטעליער

## ל. גיפּס

טשערנאָוויץ

סטר. רעזשעלע פערדינאַנד 18

(הויפּטשטראָז 18)

אימפּאָרטירט פּעלץ־לאַגער דירעקט פון לייפּציג.

ערשטקל. ברייטשוואַנץ־פּערזיאַנער

אויך פּעלצמענטל פון 10.000 ליי און העכער

אָריגינאַל בערלינער און ווינער מאָדעלן.

פּיינסטע נאָל אַרבעט

פון אייגענע ווי אויך פון מיטגעבראַכטע מאַטעריאַלן.

צושניידערקורס פאַר הערן־שניידער פון דער געזעלשאַפט „אָרט“ אין טשערנאָוויץ.

די געזעלשאַפט „אָרט“ אין טשערנאָוויץ, האָט בדעה צו דערעפנען נאָך אין גיכן, ווען ס'וועלן זיך נאָר מעלדן אַן אַנטשפּרעכנדיקע צאָל פון אינטערעסענטן, אַ

## צושניידערקורס פאַר הערן־שניידער

אונטער דער אָנפירונג פון דעם אַבסאָלווענטן פון דער פּאַריזער צושניידער־אַקאַדעמיע הער נתן מאַנגער. — דער קורס וועט דויערן 6—5 חדשים. — דאָס לערן־פּראָגראַם נעמט אַרום אַלע טעאָרעטישע און פּראַקטישע למודים פונם צושניידער־פאַך. — אײַנשרײַבונגען: טעגלעך אין דער ביוראָ פון „אָרט“ טעמפּלגאַס 8 (אין הויף) פון 1—9 פאַרמיטאָג און פון 3—4 נאָכמיטאָג

Med. D. Konrad Merdler

פאַר פרויענקראַנקהייטן (שפּעצ. קוויזאַלע דיאַגנאָסטיק און באַהאַנדלונג פון עקרות

אַקאָשאַר און אינערע קראַנקהייטן

רוסישעגאַס נר. 19 (הויז ״ יאַלאַ עצקי)

11—1, 3—6

קורצער גאַסטשפּיל

# קאַמער־טעאַטער גאָלדפאַדן

## 8־טן נאָוועמבער

רעזשי: דוד הערמאַן.

אַדוואָקאַט

# לואיס הויסקנעכט

האָט דערעפנט זיין קאַנצליי אין דער

נײַע־וועלט. (סטר. מאַראַשעשטי) 16

אונטער דער לייטונג פון אַ גוטן קענער פון דער רומענישער שפּראַך און ליטעראַטור הייבט אָן אין די נאָענטסטע טעג אַ

## קורס פאַר רומעניש

(פאַר דערוואַקסענע). אינפאָרמאַציעס: סעקרעטאַריאַט ייד. שולפאַריין, יידיש הויז, II. שטאָק.

פאַרבערײַ און כעמ. ריינִיקונג

## „RECORD“

א. גראָס,

טשערנאָוויץ: רוסישעג. 7: ראַטהויזשטר. 25.

ריי ני קט,

פ אַ ר ב ט

אַ ל צ ו י נ ג

ספּעציאַל־אָפּטיילונג: הערנהוט־רעפּאַראַטורן

Editor şiRedactor răsponsabil: S. A. Soifer.

Tipografie E. M. Ebner, Cernăuţi, str. Regele Ferdinand 8